באַשעפעניש, וואָס איז אין הימל, און אויף דער
ערד, און אונטער דער ערד, און אויפן ים, און וואָס
איז אין זיי, אַלע האָב איך געהערט זאָגן: צו אים,
וועלכער זיצט אויף דעם כסא־הכבוד, און צו דעם
לעמעלע, זאָל זיין די לויב און די ערע און דער
כבוד און די הערשאַפט לעלמי עולמים! (דניאל ז, יג־יד.)
14 און די פיר חיות האָבן געזאָגט: אמן! און די זקנים
זענען אַנידערגעפאַלן און האָבן זיך געבוקט.

## קאַפּיטל זעקס

1 און איך האָב געזען, ווען דאָס לעמעלע האָט
געעפנט איינע פון די זיבן חתימות, און
האָב געהערט איינע פון די פיר חיות זאָגן, ווי מיט
2 דעם קול פון אַ דונער: קום! און איך האָב געזען,
און אָט אַ ווייס פערד, און דער, וואָס איז געזעסן
דערויף, האָט געהאַט אַ פיילנבויגן; און עס איז אים
געגעבן געוואָרן אַ קרוין; און ער איז אַרויסגעגאַנגען
אַ זיגער, און כדי מנצח צו זיין.
3 און ווען ער האָט געעפנט די צווייטע חתימה,
4 האָב איך געהערט די צווייטע חיה זאָגן: קום! און עס
איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַנדער פערד, פייער־רויט;
און דעם, וואָס איז געזעסן דערויף, איז געגעבן
געוואָרן אָוועקצונעמען דעם שלום פון דער ערד,
און אַז מען זאָל זיך הרגענען איינס דאָס אַנדערע;
און עס איז אים געגעבן געוואָרן אַ גרויסע שווערד.
5 און ווען ער האָט געעפנט די דריטע חתימה, האָב
איך געהערט די דריטע חיה זאָגן: קום! און האָב
געזען, און אָט אַ שוואַרץ פערד; און דער, וואָס
איז געזעסן דערויף, האָט געהאַט אַ וואָגשאָל אין
6 זיין האַנט. און איך האָב געהערט אַזוי ווי אַ קול